ה ע - <u>אינט.</u>

1. ס׳רוב אין פרעגזאצן, צוגעבנדיק עמפּאזיס דער פראגע אדער דעם ספּק.

|אההייב א!א!י"ה| " זאג מיר נאר אבער, וואס נעמט זי זיך אזו איבער, די מיאוסע מוד, <u>הע</u>? ". 4

<u>עטינגער, 3, 355.</u>

2. געטאפלט (<u>הע=הע!</u>), קריקט אויס פארוווּנדערונג (אחוץ ווי "<u>אחה!</u>).

1911 " איך כאפ" מיך צו אים - <u>הע=הע</u>! עס זעצט אים ארויס פון דער נאז א ריח פון נסך, פון בראנפן". 137

<u>מענדעלע, 9, 158.</u>

3. <u>אינט.</u> געניצט במקום ווערטער אין אומקלארע, אומזיכערע רייד, ביים זוכן א פאסיק ווארט <u>אד"ג</u>.

% איז ער, <u>הע</u>.. געקומען הייסט עס און... <u>הע</u>...און געזאגט...

(?נ?) ה ע ב - (דיאל, ווארשע און אנדערע געגנטן אין פוילן) "וועל".

% העב איך וועל מארגן קומען.

3 ה־

ה ע ב <u>א</u> ן - <u>דער, =ען.</u>

1. טראפישער בוים (<u>רוסג</u>

2. דאס האלץ פון <u>העבאן</u>, צייכנט זיך אויס מיט זיין שווארצן קאליר און שטארקייט. געניצט אויסצוארבעטן טייער מעבל, געוויסע בלאז=אינסטרומענטן, באצירונג=זאכן <u>אד"גל</u>.

... " איבער דיין <u>העבאנקרוין</u> האבן ווינדערלעכע גלאנצן געציטערט!"

6 <u>פרץ, 10.</u>

...193 " זיין בעט איז פון העלפאנטביין, זאגט מען, - ניין, פון <u>העבאנהאלץ</u>".

4 <u>י. מ. ניימאן, 2, 69.</u>

ה-

ה ע ב א נ ע  -  אדי. פון העבאן.

1951  " קינדער אין בלאען מיט העבאנע פֿלייטן".

3 שווייד, 1, 68.

ה ע ב ל י נ ע - <u>די. =ס.</u> פּפֿ <u>הובלינע</u>. <u>(ס׳רוב מצ)</u>.

דינע פאסיקלעך האלץ, אפשניצלעך, וואס פאלן אפ ביים

היבלעווען ברעטער.

1943 " ס׳שמעקט דאס האלץ און דער קליי און די פוביקע

<u>העבלינעס</u>". 12

<u>באריישא, 3, 130</u>.

ה ע ב ל י נ ק ע - די, =ס. דזוו העבלינע.

ה ע ב ל י ע ו ר ע ן - דזוו הובליעוועך.

ה ע ב ל י ע ו ו ע ן - (פד) דזוו הובליעוועז/הובלעז.

ה ע ב ל י ע כ ט ס - דאס, בא. דזוו העבלינעס/הובלינעס.

ה־

ה ע ב ל ש פ אָ ן - דער. ~ שפּענער, פֿקפֿ - שפּענדל.

דזוו העבלינע/הובלינע.

(?ב?) ס ה ע ב נ ע ר - דער, מצ דז. טעפער, דער וואס מאכט טעפ
און אנדערע כלים פון ליים.

1696 " דוא זאלשט צו ברעכן זיא מיט איינר ורט איין
12/1 אייזני אז גיפעס דעש העבניר".
סידור תפלה למשה ..., דף שכ"ה.

12

ה–

(?נ?) ה ע ב ע – אין דער גריכישער מיטאלאגיע די געטן פון

אייביקער יונגשאפט, די טאכטער פון זעוסן און הערא.

ה ע ב ע ל |ווייכער ל| - ----← הובל/הובעל.

-ה

ה ע ב ר א י ז ם  –  דזוו העברעיזם.

ה ע ב ר א י ס ט - דער, =ן.

1. דזוו העברעיסט.

2. פארשער, אדער גרויסער קענער פון העברעיש.

ה ע ב ר א י ק ( א ) – די, בא. אין א גרעסערער ביבליאטעט

דער אפטייל פאר ביכער אין העברעיש 'העבראיקא'".

1951 " טשארטאריסקי האט זיך שטארק מתעסק געווען מיט דער

75 אפטיילונג פאר 'העבראיקא'".

י. שאצקי, פער 106, 710.

ה ע ב ר ה |האווארע| - די, בא. (עלט, לל) דאס אראפּזעצן עמעצן פון זיין אמט, דאס באזייטיקן פון א חברה.

1895 " |...| שיער=שיער ווועלט איך געהאט איין העברה פון גבאות, ווען איך טראכט ניט צו עפּעס א גוט מיטל |...|". 32

י. לינעצקי, פּער 9, 144.

ה ע ב ר ע י ז א צ י ע – די, בא. אקט אדער רעזולטאט

פון העברעיזירן.

1951 "די העבריזאציע פון די יידישע קינדער אין ליטע

גייט פאָרויס". 37

ל. שמעוני, פער, 106, 265.

ה ע ב ר ע י ז י ר ו נ ג – די. בא. דזוו העברעיזאציע.

1948 " א צופאל האט געוואלט אז גראדנע זאל איך אט דעם

39 העברעיזירונג=פראצעס שפילן די דאמינירנדיקע ראל".

פער 44, נ' 3 - 4, ז' 42.

# ה ע ב ר ע י ז י ר ן - טוו.

1. פארשפרייטן די בעברעישע שפראך (ספעציעל אין די שולן),
געמיינט אויף א קינסטלעכן אופן אדער מיט צוואנג,
אויפן חשבון פון יידיש.

1951 " אויב מען זאל העברייזירן די שול, וועט די ליטווישע
מלוכה האבן דאס פולע רעכט צו זאגן, אז אויב העברעיזירן, 42
איז שוין בעסער ליטוויניזירן".
ע. ווידאנס, פער 106, 248.

1965 "די טעטיקייט פון דער פאלקסבילדונג טאר זיך ניט
לאזן פארפירן פון די צוויי קעגנזייטיקע טענדענצן,
וואס הערשן אין דעם יידישן קולטור=לעבן - אדער
העברעיזירן די גאנצע יידישע גלות=ווירקלעכקייט".
פער 107, 337.

2. אריינפירן צו פיל בעברעישע עלעמענטן אין יידיש.

1960 " י.י. שווארץ |...| רייסט זיך |...| צו <u>העברעיזרן</u>
40 דעם |...| ייד, וואס זיין לשון איז יידיש, אבער
וואס זיין גאנצער מהות איז העברעישער און לומדישער
אפשפאר".

<u>גלאטשטיין, 2, 261.</u>

העבּרעיזם I - <u>דער, בא.</u> די באוועגונג (אויפגעקומען אין אנהייב 20סטן י"ה) וואס האט געפרעדיקט דאס פארשפרייטן צווישן יידן די העברעישע שפראך אין קעגנערשאפט צו יידיש, וואס מ׳האט זי באקעמפט ווי א שפראך פון גלות אדער בכלל קיין שפראך ניט.

1922 " וואס שטרענגער דער <u>העברעיזם</u> איז פארמולירט,
ווייזט ער אלץ מער ארויס זיין אומנארמאלקייט און 43
אומבאגרינדעטקייט".

<u>י. מארק, 2.</u>

<u>רעד:</u> געפינען נאך אדער אנדערע ציטאטן, ביי מיר ניטא!

ה ע ב ר ע י ז ם II - דער, =ען. א ווארט אין יידיש,
וואס שטאמט פון העברעיש אדער אראמעיש.

% העברעיזמען שרייבט מען אין יידיש לויט ווי זיי שרייבן
זיך אין העברעיש.

1961 "העברעיזמען, וואס זייער אפשטאם איז אין גאנצן
אדער צום טייל אפגעריבן געווארן |...|". 44
י. מארק, פער 90, נ' XXI -2.

ה ע ב ר ע י ס ט - דער, =ן. אנהענגער פון העברעיזם, ב׳1.

% די העברעיסטן האבן באקעמפט יידיש.

1911 " אפילו דער פאנטאסטישער העברעיסט מוז צוגעבן, אז

יידיש איז די אומגאנגסשפראך פון דעם רוב יידן אין די 57

גלות=לענדער".

מ. וויזענפעלד, פער 79.

1947 " אויף דער ערשטער פארלעזונג איז פארגעקומען

א דיסקוסיע מיט די העברעיסטן |...|". 45

יזב, 8, 82.

1951 " קלמן שולמאן איז געווען א הייסער העברעיסט,

פון יידיש האט ער ניט געוואלט הערן". 58

י. שאצקי, פער 106, 750.

∠7 פארברענטער העברעיסט – פארנאטישער אנהענגער פון העברעיזם.

ה ע ב ר ע י ס ט י ש – אדי. פון העבריסטן און שייכדיק צו העברעיזם.

% העברעיסטישע פראפאגאנדע. העברעיסטישע שטרעמונגען.

1922 " דאס העברעיסטישע איינגווּרקען זיך אין יידישקייט איז א סימן פון אייגענער שוואכקייט". 59

י. מארק, 2.

1951 " די איבערוויגנדיקע הכטונג אים דעם יידישן דערציונגס= וועגן |אין ליטע| איז געווען די העברעיסטישע – אונטער דער אנפירונג פון 'תרבות'". 60

מ. דארסקי, פער 106, 134.

ה ע ב ר ע י ש -

1. דאס, בא. די אומגאנג שפראך פון יידישן פאלק אין ארץ=ישראל ביז דעם חורבן פון ערשטן בית=המקדש. אין העברעיש איז געשריבן כמעט דער גאנצער תנ"ך. שפעטער איז העבריש געווען דער עקר די שפראך פון די געלערנטע און פון ספרים, וואס מ'האט געשריבן אויף העברעיש (אדער ווי מ'האט דאס אנגעהויבן רופן לשון=קודש). צום סוף פון XIX י"ה איז אויפגעקומען א באוועגונג אויפצולעבן העבריש ווי א גערעדטע שפראך(אין א געוויסער מאס אין א בפירושן קאמף קעגן יידיש). איצט איז העברעיש (עברית) די אפיציעלע און אומגאנגפראך פון דעם רוב יידן אין מדינת ישראל.

% רעדן (אויף) העברעיש. די נייע עולים לערנען זיך העברעיש.

1865 " דעריבער האלטן מיר עס פאר נוצלעך |...| און

פאדערן אויף אלע יונגע=לייט, סטודענטן און די וואס 67

קענען <u>העברעיש</u> אונטערריכטן, זיי זאלן זיך ביי אונדז מעלדן".

<u>פער 177, נ׳ 21, ז׳ 315.</u>

1884 " נישט איטלעכער פארשטייט אזוי פיל <u>העבריש</u>".

<u>ספעקטאר, 1, 148.</u> 66

|1931-1926| " |...| די אלע אוצרות, וואס יידן האבן געשאפטן

אין פרעמדע שפראכן און דערנאך זיי איבערגעטראגן אין 71

העברעיש".

<u>אפאטאשו, 7, 117.</u>

1953 " |...| ווייל <u>העברעיש</u> איז פאר אונדז אין אלע דורות

געווען לשון=קודש". 62/2

<u>ש. גרינבערג, 2, 341.</u>

2. אדי. שייכדיק צו העבריש ( צו דער העברעישער שפראך).

% העברעישע ליטעראטור. לייענען א העברעיש בוך.

ער איז א העברעישער לערער.

1897 " קודם=כל דארפן מיר איינפלאנצן אונדזערע קינדער

62/1 |...| ליבע צו דער בכבודער זקנה – די העברישער שפראך".

י. טשערני, 1.

1922 " די סיסטעם און דער סדר פון לערנען די העברעישע

63/1 גראמאטיק דארף אויך איבערגעאנדערשט ווערן".

י. מארק, 2.

1940 " |...| דאס זיינען געווען ניט קיין עגיפטישע, נאר

64 העברעישע אינשריפטן, דער ערשטער העברעישער אריגינאל,

וואס די וועלט פארמאגט".

קאראלניק, 2, 32.

(?נ?) ה ע ב ר יי ש ר מ א ן[ם] - דער עברי (ייד אין מצרים).

1679 " ריף זיא דעם גיזינד אים הויז, אונ' שפראך צו

64/1 אינן זעכט, ער האט אונז דען העברייש מאן |יוספן|.

היריין גיבראכט ד, ער אונז צו שאנדן מאכט".

<u>בליץ, בראשית, לט - יד.</u>

ה ע ב ר ע ע ר - דער, מצ דז.

1. דזוו עברי, אנגעהעריקער צו די עברים (פארצייטישע יידן).

1954 " ד"ר א.א. ראבאק האט |...| באשלאסן אוועקנעמען ביי

36 די העברעער |טעקסט: העברייער| א ה"א. |...| באשר -

אין דער אמתן זענען זיי גאר עבריער |...|".

א. צייטלין, פער 69, 24/X!!.

2. מצ (ס'רוב געניצט פון ניט=יידן).

1926 " ער מיינט, אז דער כלל איז געווען וויכטיקער

82 פארן יחיד? דאס איז אמת אפשר מיט די אלטע העברעער,

נישט מיט אונדז, דעם פאלק פון משיחן".

אפאטאשו, 3, 18.

3. פארשער און גוטער קענער פון העברעיש.

1928 " ער איז געווען א פיינער העברעער, אן אנגעשטאכענער

80 פון די ערשטע השכלה=ספרים".

ניגער, 4, 532.

1951 " די מאנדעלשטאמס האבן געהאט א טיפע השפעה אויף

בעל=מחשבותעס פאטער און אים געמאכט פאר א משכיל און

שיינעם העברעער |...|".

ה. פראנק, פער 106, 781.

□העברייאר.

1. ←-----

1679 " דען דיא מצריים דארפטין ניט ברוט עסין מיט דען

העברייאר, דען עז איז איין גרויאל פר אינן".

בליץ, בראשית, מג - לא.

(?נ?) ה ע ב ר ת = ש ב ו ע ה |האוואראס שוועהן - די, בא. (לל)

דאס עובר זיין אויף א שבועה, דאס ברעכן א שבועה.

1835 " פר אלע עבירות וואש זיינען נגד תורת משה לייגט

83 אפ דיא שטראף צום אנדעריך אונדריטין דור |...|

נאר פאר העברת שבועה ווערט ער גישטראפט ניט גיזאמט".

איבז קאלינסקי, 1.

(?נ?) ה ע ג ו מ ע ן - ----→ אי הומען.

ה ע ג ע ל י א נ י ש - אדי. שייכדיק צו העגעליאנער און העגעליזם.

% העגעליאנישע דיאלעקטיק.

(?נ?) ה ע ג ע ל י א נ ע ר - דער, =ס/מצ דז.

אנהענגער פון דער פילאסאפישער שיטה פון דייטשן

פילאסאף קארל העגעל (1770 - 1831).

ה ע ג ע ל י ז ם – דער, בא. די פילאסאפישע שיטה פון העגעלן, איז באזירט אויף דער אידעאליסטישער טעאריע פון אנטוויקלונג, וואס איז דעפינירט דורך דער דיאלעקטישער עוואלוציע פון דער אבסאלוטער אידעע, וועלכע עמאנירט פון זיך די נאטור און די וועלט פון מענטשן.

ה ע ג ע מ א ן - דער, =ען. דאמינירדיקער פאקטאר,

אנפירער, דער וואס האט די העגעמאניע.

1947 " |...| איז דער טשענסטאכאווער יידישער ארבעטער=קלאס

93 אין די רעוואלוציאנערע יארן |...| ארויסגעקומען ווי

דער אנערקענטער העגעמאן פון די יידישע מאסן אין שטאט".

יזב 8, ז׳ XI.

1928 " די דאזיקע דריי מוזיקאלישע ווער האבן |...| ווי

זיך געשלאגן פאר העגעמאניע |...| איבערן גריף, איבערן

סמיטשיק, איבער די דאזיקע דינע פינגער".

גאדינער, 1, 114.

1958 " ליטוואקאוו שטעלט זיך איין פאר דער אידעישער

100 העגעמאניע פון מאסקווע אויף דעם שטח פון וועלט=יידנטום|...|."

ביקל, 1, 293.

(?נ?) ה ע ג ע מ א נ י ש - <u>אדי/אדוו.</u> שייכדיק צו העגעמאן/

העגעמאניע.

ה ע ד א נ י ז ם – דער, בא. פילאסאפישע שטרעמונג,

וואס האלט, אז די הנאה, דער פארגעניגן איז דער זינען

פון לעבן און דער הויפט מאטיוו פון מענטשנס מעשים.

ה ע ד אָ נ י ס ט - דער, =ן. אנהענגער פון העדאניזם.

ה ע ד אָ נ י ס ט י ש – אדי/אדוו. לויט דער שיטה פון העדאניזם.

1953 " דער העדאניסטישער מאטעריאליסט קאן מיט ליידן

111 קיין מאל ניט שלום=מאכן".

ח. גרינבערג, 1, 96.

1961 " דער דאזיקער העדאניסטישער רוף קלינגט ארויס

113 איבער הויפט פון דער פאעזיע פון אריענט".

א. שולמאן, פער 169, נ׳ דעצעמבער.

(?נ?) ה ע ד א ן = ק ר ו י ן - ד י, |=ען?½|. מין פרויען= פריזור

|סטוטש 528|.

ה ע ד ז ן - אוטוו. (דיאל) הירזשען.

1970 " זיי לאכן נאר אויס דער... העדזן ווי אויסגעפּאשעטע

119 פערד".

זוהר, 1, 79.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

ה ע ד י ע ל ע - <u>דאס, =ך.</u> (<u>אקטיארן=לשון</u>) גאר קליין שטעטעלע.

1955 " אין די ימים=נוראים האט מען א ין די פרומע יידישע

121 שטעטלעך |...| נישט געקאנט שפילן טעאטער,|...|

מען האט, בכן, געמוזט זיך א לאז טון אין די

'<u>העדיעלעך</u>', דאס הייסט, אין די קלענסטע, ממש פיצנקע

חצי=שטעטלעך און חצי=דערפער".

<u>הארענדארף, 1.</u>

ה ע ד ר = ה כ ב ו ד |העדער=האקאווועד| - דער בא. (לל)

אומכבוד, אומרעספעקט.

1882 " |...|ענגלאנד און פראנקרייך וועלן זיך שטענדיק

131 אוממיטלבאר צו דעם כעדיוו, און דער סולטאן האלט

עס פאר זיך פאר א העדר=הכבוד".

פער 74, נ' 4, ז' 50.

ם 1732 "|...| לבד דיא דיסרעספעקט העדר הכבוד |...|

133 זאלכש ערוועקין טוט |...|".

אגרת שלמה, דף י'.

ה ע ו י ה |האוואיע| - די, =ות |האוואיעס|.

אומגעוויינלעכער אויסדרוק פון פנים:מינע, גרימאסע.

% מאדנע העוויות. ווילדע העוויות. מאכן העוויות.

1899 "איינער, עפעס פון א ווילדן אויסזען, האלט א

161 שווארצן האן, רייכערט קרייטעכער און מאכט משוגענע העוויות".

מענדעלע, 8, 42.

... " ווו. ערגעץ א שיינע תנועה, א מין העוויהלע,

162 א שפיצל, אן אפשניצל - האבן מיר דאס גענאשט פון בעניך".

שלום=עליכם, 2ב, 188.

1932 "ער האט נישטגעקאנט פארטראגן זיינע ווילדע העוויות,

162/1 זיין פאטשן מיט די ליפן |...|".

זינגער, 5א, 14.

1968 " בייזט אויס די ליפן אירע א העוויה |...|".

לעיעלעס, 6, 247.

(?נ?) ה ע ו י ה ן |האוואיען| - אוטוו. (שנש) מאכן העוויות (מינעס, גרימאסעס).

1935 " העוויהט דער פארטייטיקער מיט זשעסטן |...|".

166 מ. דייטש, 1, 73.

(?נ?) ה ע ו י ו ת ד י ק |האוואיעסדיק| - אדי.(שנש)

מיט משונהדיקע פנים=אויסדרוקן.

1940 " |...| דורכגעשטופט זיך בשלום דורך דער רעשיקער

179 פארביקער, בארוועסער, שמוציקער, העוויותדיקער

אראביש=עגיפטישער מחנה |...|".

קאראלניק, 3, 71.

(?נ?) ה ע ו ו ע ל ד א ק - -----> **האוועלאק.**

ה ע ז ה |הָזע| - די, בא.

1. מוט, דרייסטקייט, אומשעמעוודיקייט(ס׳רוב איך באציונגען מיט מענטשן).

% ער האט ניט די העזה צו בעטן ביי אים די טובה. זיי האבן געהאט די העזה צו זאגן אים דעם אמת אין די הויגן.

1850 "דער ר׳ הירש |דעם בעשט"ס סופר| איז געגאנגען, האט ער אים דערווישט דאווענען ווי איין ערלעכער מאן, ער האט גאר קיין העזה ניט געהאט צו זאגן אים די ווערטער וואס דער בעש"ט האט אים געהייסן". 196

ס׳ שבחי בעש"ט, דף 24.

1894 " מיך מיינט מען, מיך! - באפעסטיקט זיך באנציע אין דער דעה און האט דאך ניט העזה אן אויג צו ווארפן אויפן בית=דין=של=מעלה".

פרץ, 17, 125.

1919 " קיינער קאן ניט האבן די העזה צו זאגן, אז ער
208 קאן אריינגעמען אין זיך די גאנצע קולטור פון זיי צייט".
זשיטלאווסקי, 8, 146.

1936 " זיי מאנען גישט, זיי האבן גישט די העזה,
175 אבער זיי קרעכצן".
זינגער, 6, 115.

1973 " דער שרייבער פון דעם באשוליקונגס=אקט |...|
186 שלעפט ארויס די יידן אויפן ערשטן פלאן, |...| וואס
האבן געהאט די העזה זיך צו פארטיידיקן".
יזב 18, 169.

2. אומבאשיידנקייט, אומפארשעמטקייט, חוצפה.

% מע טאר ניט רעדן מיט אזא העזה קעגן אן עלטערן מענטשן!
א העזה פון א מענטשן - קומען אומגעבעטן!.

1880 " דיזע צוויי לייט זיינען אריין אין קרעטשמע מיט

188 דער גרעסטער העזה".

דיק, 104, 26.

1912 " וואס פאר א חוצפהדיקע העזה דאס איז פון דעם שכל

207 צו גלייבן, אז א וועלכער ס'איז מענטשלעכער געדאנקען=

סיסטעם קאן זיין א לעצטער, אייביקער אבסאלוטער|...| אמת".

זשיטאלאווסקי, 2, 56.

1948 " און גאט, וואס האט איבער אונדז אלע געוואכט,//

194 אנטקעגן וועמען מיר האבן מיט העזה גערעדט |...|".

ראלניק, 3, ליד "דער ערשטער פאפיראס".

ארויסברענגען פון דער העזה - ארויסברענגען פון געדולד,

גורם זיין, יענער זאל ווערן אין כעס.

<u>ארויסרופן אויף דער העזה</u> - <u>דזוו דפוו</u>.

<u>ארויסשפּרינגען פון דער העזה</u> - פארלירן דאס געדולד,

ווערן אין כעס, חוצפּהדיק.

1883 "דער סוף וועט זיין, אז ער <u>וועט</u> נאך <u>ארויסשפּרינגען</u>

<u>פון דער העזה</u> און ער וועט אונדז ניט וועלן פאלגן |...|".

<u>ש. בעקערמאן, 2, 36</u>.

# ה ע ז ה ד י ק - אדי/אדוו.

1. מיט העזה, איך ב׳ 1.

1896 " צו פערצן יאר האט ער שוין געקאנט |...| אפטאן
181 א העזהדיקן שפיצל, גאר מעשה חסיד".
גילדינבלאט, 1, 6.

1951 " |...| האט זיך א קער געטאן צו אים פריילעך=
213 העזהדיק דער יונגער בעל=פאות |...|".
א. שטיינבערג, פער 106, 398.

1958 " |...| זי איז געווען אן אהייב פון יענער גרויסער
217 אומרויקייט, פון יענער העזהדיקער קרייטקייט צו לאזן זיך
אויף נייע וועגן".
ניגער, 8, 102.

2. מיט העזה, אין <u>ב' 2.</u>

1905 " |...| ער זאל ניט שטיין אנטקעגן אונדז <u>העזהדיק</u>

און מיינען אז ער איז |...| העכער פאר דער גאנצער וועלט". 212

<u>אלפעראוויץ, 1, 23.</u>

(?נ?) ה ע ז ה ן |האזען| - אוטוו. (שנש?) האבן העזה, דערוועגן זיך.

1914 " |...| די וואס העזהן אנצורירן די קרוין |...|".

218 ברידער גארדין, 3, 10.

ה ע ז ה נ י ק |האזעניק| - דער, =עס. דער וואס האט העזה,
ס׳רוב אין ב׳ 2.

1882 " וואס זאגט איר אויף דעם העזהניק, דעם שוסטעריונג?".
221/1 א. מארגאליס, 1, 6.

ה ע ז ה ק |האזיק| – אדי. (שנש) דזוו העזהדיק.

1926 " שטרענג האט מיט שמאלע פארגליוורטע אויגן// געקוקט

182 א געהיימער און העזהקער |טעקסט: העזיקער| ספֿינקס".

ניידוס, 4, 264.

(?נ?) ם ה ע ז י ן – ד י. די זי פון האז; האזיכע.

... "איין אהבה – נים איין העזין ווייל זי לעבט אונ׳

219 טו דש הערץ העראויש |...|".

כ"י ס׳ רפואות.

1689 " הארנבת – די העזין".

221 באר משה, ויקרא, י"א – 6.

ה ע ז ל - דאס, =ער.

1. ! פּקפּ פון האז.

... " |...| און ביים שטעגל זיצט א העזל,// גרוי, אליייניק,

223 קייט א גראזל".

מאני לייב, ליד "א העזל".

2. אן אפשפיגלונג פון ש יך, געווארפן מיט א שפיגעלע.

1936 " |...| ס'האט איך מיינע וויינענדיקע האר //

224 ארומגעשטיפּט א שטקאלכל, ווי א העזל".

סוצקעווער, 3, 41.

העזלהון - די מצ הינער. (זאאל זגאל פון וואלדהינער. וואסג)

1973 " פון צווישן די אלבעס, ביי די טייכן, פלעגט זיך

225 אומגעריכט דערטראגן א כמעט פריליגגיקער פייף פון א העזלהון".

א. שעכטמאן, פער 38, נ' 79 - 80, ז' 176.

(?נ?) ם ה ע ז ל י ן ה א ל ץ - דאס. א האלץ |דא: א שטעקן|
פוקנא מאנדלבוים.

1689 " לוז - העזלין האלץ".

227 באר משה, בראשית, ל - ל"ז.

העזעלע - דאס, =ך.

1. צווייטע פּקפּ פון האז.

... " בין איך מיר א העזעלע, העזעלע אויף דער וועלט,//
229 אויף שרעקעניש און פיין בין איך א יסגעשטעלט".

פל.

1968 " זי האט איצט באנומען יעדן שארך אין וואלד, אפילו
228 די פליושענע טריט פון א העזעלע |...|".

ב. דעמבלין, יזב 2, 653.

2. איך מצ העזעלעך - קינדערשפּיל, באשטייט אין ווארפן
אויף עפּעס/עמעצן א שיין מיט דער הילף פון א שפּיגעלע.

ה ע ט ! – אדוו.

1. ווייט (ס'רוב צוגעגעבן צו באגריפון פון מרחק, ארט.
(טייל מאל עמפאטישער נאך דורך טאפלונג. העט=העט)

אוקר:

% זיי זענען שוין העט ווייט אין וועג, און מיר שלפען
זיך נאך. מע האט זיי פארשיקט העט=העט, אזש קיין סיביר.
דאס בוך ליגט העט הויך אויף דער אייבערשטער פאליצע.

1815 " אונ זי הט זיך מישב גוועזן זו וועט אום גוט
269 אראפ ווארפן בוז ער וועט ארויף קומן העט ארוף אוף
דעם שפיץ פון דעם זעגיל בוים".
בראסלאווער, מעשה ממלך וקיסר.

1889 " דער מלמד האט געזען, אז ס'איז שלעכט, ער קען
282 פארלירן דאס מלמדות, האט ער זיך מיישב געווען און
איז אנטלאפן העט=העט אין וואלד אריין".
פרק 17, 26.

1936 " דאס פארבענקטע יתומדיקע רופן האט זיך געטראגן
282 **העט** ווייט איבער די פעלדער".
<u>ר. קארן, 2, 584.</u>

1966 " ווייל כ׳בין ווייזט אויס נאך אלץ אין גאנג,//
284 **העט** ווו, ווי גלייך אן אויסגעוואָרצלטער פון דאנען".
<u>האלקין, 4, 132.</u>

2. גאר, א סך, זייער, ווייט (מיט באגריפן פון צייט, סכום <u>א"א</u>)

% די איז געקומען **העט** שפעט אין דער נאכט. די מעשה ציט זיך שוין **העט** לאנג. דאס איז געשען א מאל, **העט=העט** אין די פריערדיקע דורות.

1899 " דער פראצענט וואס אזא סחורה - יידן, הייסט עס -
270 טראגט |...| אייך, טרעפט **העט=העט** מיט א שמיצל אריבער
דעם מקח פאר דער גאנצער סחורה".
<u>מענדעלע, 8ב, 18.</u>

... " ערשט העט שפעטער, נאך דער בר=מצווה, אז די מאירס
270/1 מיט די שניאורס האבן זיך אויפגעכאפט אויף די פיס |...|".
שלום=עליכם, 7א, 140.

1934 " אינעם לאנד, ווו ס'איז העט פרי |...|".
267 פיינבערג, 3, 64.

ה ע ט !! - (עלט) הילפסווערב "וואלט".

1814 " דער וואס איז שלאבריק אין זיין אונטערס |=אינטערעס|
232 איז במעט אויף אזוי גלייך וויא ער העטס קאליע גמאכט
אומסנע |=אומיסטן|".
איבז לעפין, משלי, יח - 9.

1863 " אפשר העט איך דאס געקענט וואס ער, העט איך אויך
268 אויס אייך געלאכט".
אנ, די געגארטע וועלט, ז' 58.

1885 " מיין תפילה זאל געליבט און געזיסט זיין, גלייך
אז איך העט איין קרבן מקריב געווען אין בית=המקדש".
איבז אנ, מחזור, 4, 177.

1936 " און די פיש מיט נעגלעך און מיט צימרינג זיס
247 געשמעקט,// מ'האט זיך אזש ביים טיש באלעקט,// אין גאנצן
אויפגעגעסן, - // און די דינסט, אוי=ווי, פארגעסן!".
שטיינבארג, 3, 35.

שוו: ב

א וואגן "העט=איך" צאלט ניט קיין מכס.

העט[ם]

1544 " זיא בורן אויבר דש וואשר גאר ביהענד אונ' שנעל.//

262/1 העט איך עש גיוואושט איך העט גיטון איין גרעל".

שמואל=בוך, סטר' 1521.

|סוף ווקא י"ה| " ווען מאן איין אלטין שינין מאן זולטי

262 אפ מאלין העט מאן איך ניט שיניר קענין אפ מאלין".

גליקל האמיל, ז' 156.

1732 " |...| דרום העט איך מיין זון אבר מיין טאכטר ניט

238 זאלין אהין געבין".

עיון יצחק, דף כ'.

(?ב?) ה ע ט !!! - |דער?/די?|, =ס. (אמ) הוט, קאפעליוש.

1907 " די העטס און די דזשעקעטס האבן די מערסטע טייל
240 פון זיי געטראגן אין די הענט".
באוושאווער, 2, 44.

1915 " די העט האט ער אנגעטאן קרום, איין קלאש פון די
289 הויזן איז געבליבן א ביסל פארקאשערט, און אזוי איז ער
ארויסגעלאפן פון שאַפ".
ליבין, 1, 65.

◻ אדער א העט אדער א גט - (אמ) בנב. |סטוטש 565|.

ה ע ט י א - אינט. אוועק! גיי פון דאנען!

## איינער שרייט אהי און דער אנדערע שרייט העטיא -

איינער זאגט אזוי און דער אנדערער פארקערט.

> רעד: אפשר איז דאס פארדרייט פון "הפיטא" -(
> א רוף צי א פערד, ס'אל גיין רעכטס, און "אהי"
> א גנאי=וווארט.

(?נ?) ה ע ט ל <u>א</u> נ ד - <u>דאס, בא.</u>(<u>שנש</u>) זייער א ווייט און

אומבאקאנט לאנד.

1974 " זיין חוה וועט אויף איר נסיעה: אין <u>העטלאנד</u>

זיין ליבע היטן".

<u>ווייניגער, 1, 70.</u>

ה ע ט מ אַ ן - דער, =עס. אין פּוילן=ליטע ביזן סוף XVIII י"ה
איז דאס געווען דער טיטל פון אן ארמיי=פירער, שפּעטער
האט מען אזוי גערופן די אנפירערס פון אוקראַיִנישן
קאָזאַקישן מיליטער.

1929 "דער העטמאַן |...| זיצט שטיוולפוצער רײטשוין
303 אויף זיין פערד".
מ. ראוויטש, 2, 40.

1951 " ליטע האט איינגעהיט איר אייגענע פינאנץ=אדמיניסטראציע,
302 אן אייגענעם טריבונאל, א באזונדערע ארמיי מיט אן
אייגענעם העטמאַן".
ווישניצער, פער 106, 67.

1952 " ער וועט די קאזאקן פארזיכערן אומצוקערן זייערע
307 די |...| פרייהייטן |...| וועלכע זיי האבן געהאט
ביזקל אונטערגאנג פון זייער העטמאַן מאזעפּאַ".
שניאור, 12, 65.

ה ע ט מ א נ י ש  -  אדי. פון העטמאן, שייבדיק צי העטמאן.

1929  " ניט געקוקט אויף דער פולער אפאזיציאנעלקייט

צו דער העטמאנישער באוועגונג |דא: פון העטמאן סקאראפאדסקי, 309

פירער פון אן אוקראינישער נאציאנאליסטישער באוועגונג

אין די יארן פון בירגערקריג אין רוסלאנד 1918 - 1921|,

האט דער "בונד" זיך ניט אפגעזאגט פון צו באטייליקן

זיך אינעם קאמיטעט אויף צו שאפן א ספעציעלן יידישן

צוזאמענפאר |...|".

ראפעס, 1.

ה ע ט ן – (עלט) הילפסווערב "וואלטן" איך באדינג=שטייגער.

|אנהייב XIX י"ה| "העט די וועלט געוועזן מיט סאמע קלוגע

316 יונגען אנגעשטאפט, העטן זיי כ׳לעבן אלע פאר הונגער

געשטארבן".

עטינגער, 3, 360.

ם

העטן.

1544 " |...| העטן זיא אונש אנפוטן אונ׳ העטן אונש גיזייט//

311 זוא ווערן מיר אויך קומן אונ׳ העטן אונש גיברייט".

שמואל=בוך, סטראפע 1616.

1722 " איך בילד מיר איין ווען איין טייל פון דיא זעלביגי

310 חכמים אין די׳י מדינות גיוואנט העטן, זוא העטן זיא

דיא ספרים דיא זיא גימאכט האבן אין לשון אשכנז גימאכט".

מנורת המאור, דף ב/א (הקדמה).

ה ע ט ע ך - געקירצט פון "העט איך": (עלט) וואלט איך, געניצט אין געוויסע פראזעאלאגיזמען:

העטעך=פעטעך.

1. גראם=שטראם, נארישקייטן.

2. וואלט=איך, זאלט איך - שפאסיק אויף איינעם וואס זאגט אלץ: איך וואלט. דאס, איך וועלט יענץ.

העטעך זאלט איך - ווען די באבע וועלט געהאט רעדער, וואלט זי געווען א וואגן (אן אמניבוס, א טראמוואי אד"גל).

העטעך=פעטעך, קויף מיר א רעטעך - "אזוי ווי א קאץ אין זאק" קטוו, גאטיציע.

שוו: העטעך איז א פעטעך, האב איך איז א גרונט א וואגן העטעך צאלט נית קיין מכס.

ה ע ט ע ר א ג ע נ י ע - די, בא. אייגנשאפט אדער מצב

פון זיין העטעראגעניש.

ה ע ט ע ר א ג ע נ ( י ש ) - אדי. ניט=אלצאיינע, ניט
פון זעלביקן מין(זגאל, סארט, גרופע), פארשיידמיניק.

1969 "בעמען און מערן, ווי די באפעלקערונג איז געווען
329 העטעראגען, |דארט| האבן יידן בדרך=כלל געקענט גיכער
לעבן פריי".

מייטלים, פער 38, נ' 65, ז' 217.

ה ע ט ע ר א ג ע ב י ש ק יי ט - די, בא. דזוו דפוו.

(?נ?) ה ע ט ע ר אָ ד אָ ק ס - דער, =ן. א דיסידענט פון א געוויסער אנגענומענער אמונה (פארקערט פון ארטאדאקס).

(?נ?) ה ע ט ע ר אָ ד אָ ק ס י ע – דיסידענץ, אפווייכונג פון א געוויסער אנגענומענער אמונה (פארקערט פון ארטאדאקסיע).

(?נ?) ה ע ט ע ר אָ ז י ג אָ ט - דער, =ן. אן ארגאניזם, וואס איז
אויפגעקומען פון דער קרייצונג פון צוויי עקזעמפלארן,
וואס האבן א פארשיידענעם גענעטישן באשטאנד.

ה ע ט ע ר אָ נ אָ מ י ע – די, בא. דאס אונטערוואַרפן זיך

פרעמדע געזעצן, פרעמדער הערשאַפט (פאַרקערט פון אויטאָנאָמיע);

אָפּהענגיקייט פון פרעמדער מאַכט.

1912 "|...| איז ניט סובל קיין שום העטעראָנאָמיע".

359 ברידער גאָרדין, 1,11.

ה ע ט ע ר אָ נ אָ ם ( י ש ) - אדי. ניט=אויטאנאם, אפהענגיק.

1940 "|...| איך דעם ליגט דער אונטערשייד צווישן דער

360 העטעראנאמער מאראל און דער אויטאנאמער מאראל, צווישן דער

אלטער וועלט=אנשויונג און דער נייער".

קאראלניק, 2, 280.

ה ע ט ע ר אָ ס ע ק ס ו ע ל – אדי. פון פארשיידענע געשלעכטן

(וועגן ליבע, געשלעכטלעכע באציונגען).

1956 " |...| די דריי סארטן באשעפענישן זיינען נייטיק

363 געווען צו דערקלערן דעם אפשטאם פון דריי מינים ליבעס:

האמאסעקסועלע, לעסבישע און העטעראסעקסועלע. ביי אונדז

|ב ב ד ן| איז איינציק און אליין געווען אנערקענט |...|

די ליבע צווישן מאן און פרוי".

י. עלזעט, פער 90, נ' XV! – 1.

ה ע ט ע ר אָ צ י ק ל י ש - אדי. (בעמיע) בנב|סטוטש 218|.

(?ב?) ה ע ט ק ע – <u>די, =ס.</u> (<u>אמ</u>) א קלייגער הוט/היטל, היטעלע.

1909 " דעם קינדס שטרויענע <u>העטקע</u> הענגט אין קיך |...|".

374 <u>קאברין, 4, 109</u>.

1960 " |...| דאס פארשייטע <u>העטקעלע</u>, ווי זי טראגט |...|

375 און לויערט ווי א שלויע קאץ דער סמעטענע".

<u>ב. רעסלער, פער 69, 3/IX</u>.

ה ע מ ש ק ע - -----> <u>העצקע</u>.

ה ע ט ש ק ע ן  ז י ך - ------> העצקען זיך.

ה–



ה ע י ! – אינט. געניצט ווי א רוף. צוצוציען עמעצנס אויפמערק, טייל מאל ווי א רוף פון דערמוטיקונג, סטימול.

% העי, חברה, קומט אהער! העי, אוועק פון וועג!

1878 " העי, וויא, וויא! – האט אויף דער קעלניע פון א בוים געשריגן א שמייסער און איז שיער מיטן דישל ניט ארויפגעפארן אויף צוויי ווייבלעך". 385/1

מענדעלע, 16, 78.

1926 " דער ביינערדיקער מענטש טוט א מאך צו זאנוולען מיט זיינע קנאכן: – העי, דו ווילער יונג, קום אהער!". 385

אפאטאשו, 5, 105.

1956 " העי, חברה פערדשמייסער, בייטש=שטעקלעך, סמאראוואגן!".

סיימאן, 1, 102 |?162|.

(?נ?) ה ע י ק ר ח ס ר |האיקער כאסער| - פֿר. (לל) דער עיקר,
די הויפטזאך פעלט.

1888 " קיין פאלקס=ליטעראטור קען נישט זיין גלייך אין דעם
389 הינזיכט צו דער זשארגאנישער, ווייל אומעטום איז
העיקר חסר מן הספר, דאס הייסט, עס זענען דא פאלקסביכער,
נאר זיי רעדן מער צו דער וואנט".
רבי קצין, |ראווניצקי?|, פער 74, נ' 5, ז' 151.

1955 " אז איך האב זיך אנגעהויבן א ביסל אויסצוניכטערן,
388 האב איך דערפילט, אז עפעס פעלט מיר - העיקר חסר".
א. אויערבאך, 5, 117.

ה ע כ ט - דער, מצ דז. גרויסער ?יסוואסערדיקער רויבפיש.

(ווסנ), זייער געשאצט צוליב זיין

גוטן פלייש. ווי איינער פון די בעסטע שפייזפיש.

% כאפן א העכט. די גבירנטע האט געקויפט א העכט אויף שבת.

1815 "והביא דג גדול שורין העכט".

שבחי הבעש"ט, ציט' מ. אונגער, פער 90, ג' XX! - 3. 414

1894 " איין ווערעמל פלעגט דאס צווייטע רופן שליען,העכט!".

פרץ, 17, 131.

1911 " א ווייבל קריגט פון אים געפאטשט מיט א העכטל

איבער די פיסקעס". 436

שלום=עליכם, 28, 200.

1925 " אז אלע יידן קויפן אויף שבת זדערקעלעך, וויל

פיש זענען יקרות, מוז ר' שמואל |...| קויפן א שיינעם העכט". 416

מויערער, 2, 70.

2. (פיג) וויכטיקער מענטש ( אין רייכקייט, חשיבות,
וועגן געשעפט אד"גל).

% דער דאזיקער ייד איז פון די גרויסע העכט אין דער קהילה.

... " מיט מיין מיזינקע |...| געדענקט איר דאך די
געשיכטע מיטן גרויסן געווינס, וואס זי האט געמאכט, 397
געפאקט א העכט, |...| א פאדריגאטשיק. |...| נו, האט
זיך פון דעם גליק אויסגעלאזט א טייך!".

שלום=עליכם, ב7, 202.

|1931-1926| " משה האט געפילט, אז ער האט שוין איינגעפעדעמט
און געוועזן זיכער, אז דער העכט וועט זיך שוין אזוי 409
לייכט ניט ארויספלאנטערן פון זיינע הענט".

אפאטאשו, 6, 166.

1967 " איר וועט מוזן צוּוואַרן אויף אַ פּעטערן העכט,

402 |...| בעט ביי גאָט, אַ גביר זאָל שטאַרבן".

גראָדע, פּער 69, 15/XII.

3. (גלש) "אַ פּרייער, אַ קרבן פון די גנבים"...

י. טריוואַקס, גנבים=שפּראַך, פּער 83, 162|.

אײַנשלינגען ווי אַ העכט - גיך, מיט אַ מאָל, גערינק.

צאַפּלען זיך ווי אַ העכט - וואַרפן זיך שטאַרק.

פּאַקן/כאַפּן אַ העכט - אַרײַנקריגן אַ וויכטיקן, נייטיקן פאַרשוין.

שור:

דער העכט שטינקט פון קאָפּ (וואָר: אַט פון וואַנען עס שטינקט דער העכט).

אַ העכט איז ניט קיין שטינקע, אַ האָלדז איז ניט קיין קאַטערינקע

|סטוטש 617|.

ם **העכט.** **מה"ד:**

1677 "פיש זאל ער יוא עשין אין דער צייט |זומער|,

410 בפרט אקוני אדר פ רזינג אדר העכט".

ירושת משה.

1717 " |...| נעם דאש פעט פון איין העכט לאש שמעלצן בייא

413 דען פייאר אונ׳ אוף דען בראנד גישמירט |...|".

ס׳ החיים II, דף נ"ט.

ה ע כ ט י ש  – אדי. (שנש) פון (ווי פון ) א העכט
(רויבעריש, זשעדנע).

1922 " אויב ס׳איז פאראן דער רויבער אין זיין פארציקונג-
435 וואסער ממשות קענען האבן העכטישע גאראנטיעס?".
י. מארק, פער 120.

ה ע כ ט ל - דאס, =ען.

1. פּקפּ פון העכט.

2. (גלש) א שטעכמעסער.

1911 " צי וויל ער מיר ניט אנפייפן?.. אויב ער וועט עס
407 טאן, מוז איך אים ארייגלאזן א העכטל אונטערן זייט
(דערשטעכן)".
בלאשטיין, 13, 29.

..........................................................................
רעד: א ספק צי "העכטל" אין ב' 2 זאל שטאמען פון זעליבקן שורש..
..........................................................................

ארייגשיבן א העכטל - ארייגשטעכן א מעסער.

(?ב?) ם ה ע כ ל - די, מצ העכלען. מכשיר איין דער פארעם
פון א קעמל מיט אייזערנע ציינדלעך, געניצט צו קעמען
פלאקס, לייך. מה"ד:

1668 " אונ׳ ער העפטט דיא קוקן דער העכלן איין גיגן
440 דעם אנדרן פון אינווינג, אונ׳ דיא שארפן אייזרין שפיצן
דיא קירט ער אלי פון אויז וויניג גרינגט אום".
יוסיפון, 3, דף י"ח.

(?ב?) [ם] ה ע כ ל ע ן - <u>טרוו.</u> קעמען (פלאקס, ליין) מיט א העכל.

1668 " אונ׳ ער גינג דניאל פון דעם אן גזיכט דיז קיניגש

אונ׳ ער מאכט צו אים צווייא גיפעס אייזרני גלייך אז דיא 446

<u>העכלין</u> דא מן דאז פלאקש דר דורך העכלט".

<u>יוסיפון, 3, דף י"ח.</u>

1762 " מן טאר ניט אנצינדן |די שבת=ליכט| מיט די צוכן

דיא מן מאכט |...| אויש און <u>גיהעכלטן</u> פלאקס". 445

<u>תקוני שבת, דף כ"א.</u>

ה ע כ ס ט I - סופערלאטיוו=גראד פון הויך, אלע באטייטן.

% די דירה געפינט זיך אויפן <u>העכסטן</u> שטאק פון בינין.

דער אלפיניסט איז ארויף צום <u>העכסטן</u> שפיץ פון די אלפן.

ער איז דער <u>העכסטער</u> אנפירער פון דער אינסטיטוציע.

דערגרייכן צו דער <u>העכסטער</u> מדרגה פון געניטשאפט.

שטרעבן צו דער <u>העכסטער</u> שלמות פון גייסט.

1816 " הרב הבע"ש זצ"ל האט מגלה גיווען פר זייני <u>העכסטו</u>

לייט בסוד אז זייא זאלין בייא זיין לעבין ניט אויש זאגין(...)". 478

<u>איבז אנ, שבחי הבע"שט.</u>

1865 " פאר אלץ, וואס דו געניסט, דאנק אפ גאט // האבן

גאט אין זין איז דער <u>העכסטער</u> געבאט". 478/2

<u>צווייפל, 2, 80.</u>

1912 " אין רעכטן מיטן פון טאנץ, אין דעם <u>העכסטן</u>

פלאקער פון פרייד, פלעגן זיי זיך אנטפלעקן". 466

<u>איינהארן, 4, 48, |?78|.</u>

1949 " |...| מיטן כוח פון זייערע געבעטן ארונטערגעברענגט

474 אין מיטן די העכסטע און שענסטע בערג".

טרונק, 7, 287.

/7 דער העכסטער - גאט.

1970 " איך האב ווידער גענומען ריידן // פאר דעם העכסטן |...|"

473 אהרן צייטלין, 6, 157.

דאס העכסטע געריכט - די לעצטע (העכסטע) יורידישע

אינסטאנץ, צו וועלער מע קען אפעלירן.

1961 " |...| זי וועט קעמפן ביז דעם העכסטן געריכט

479 פון לאנד צו באווייזן איר אומשולד".

פער 155, X/2.

ס'איז (שוין) די העכסטע צייט - מער טאר מען ניט ווארטן,

מער ניט פארהאלטן זיך (צו טאן עפעס).

ס׳איז די העכסטע שעה – דזוו דפוו.

העכסטע מדרגה – (מאט) בנב |טערמ׳ ווילנע, 1921|.

העכסטער גבול – (מאט) בנב |טערמ׳ ווילנע, 1921|

העכסטע סימעטריע – (געאל) בנב |סטוטש 204|.

ם
היכשט/היגשט.

1718 " |...| מיט ליב גיזאנג אונ׳ הערצגש פרייד//
476/1 דעם היגשטין צו פזאלירן |?|".
אחשורוש=שפיל ציט פער 162.

... " אין דעשין דער ארמי חזיר הערט אין היכשטר אנגשט
476 ניט ווייט דא פון בישטאנדן".
שילדבורגר זעלצאמי |...|, קאפ 17.

ה ע כ ס ט II - אדוו. קומט באהעלפיק צו אנדערע אדיעקטיוון

אדער אדווערבן, אין באטייט: זייער, שטארק.

% ער איז העכסט מאדערן. א העכסט אינטערעסאנטע פארשטעלונג.

1868 " ער האט אנגעמערקט אן זיין ברודער, דאס ער איז

העכסט פארקימערט, און דאס זיין לאכן און לוסטיק זיין 451

איז נאר געצווונגען און געמאכט".

דיק, 33, 38.

1904 " דאס איז א העכסט |...| געפערלעכע מעטאדע, אין

וועלכער א סך מענטשן האבן זיך שוין פארפלאנטערט". 450

א. בונדאוועץ, |פ. אנמאן=ראזענטאל|, 1.

1931 " אפילו די כעמישע עלעמענטן, וועלכע מ'האט א מאל

געדענקט, אז זיי זענען אייביק |...| זענען העכסט 465

ווארשיינלעך אנטוויקלט געווארן פון איין אורשטאף".

ש. בלום, 297.

1963 " ׳סאנין׳ איז א העכסט ׳אומשולדיק׳ בוך, ווען
456 פארגליכן מיט די ביכער, וואס צירקולירן היינט".

ב.צ.|גאלדבערג|, פער 69, !!!V/27.

ם

היכשט.

1766 " אלזו איז היכשט ניטיג דאש קינד רעכט צו אינפרמירן
458 דאש עש אלי אותיות רעכט רידן קאן".

אבן ישראל, דף א – 2.

ה ע כ ס ט נ ס – <u>אדוג.</u> אין לעצטן פאל, א ן בעסטן פאל,
צום מערסטן, צום בעסטן.

% <u>העכסטנס</u> וועט עס קאסטן נאך א 100 דאלאר. ער וועט
קומען אין צוויי וואכן ארום, <u>העכסטנס</u> אין דריי.

1887 "איך פארלאנג פון דיר.נאר דאס דו זאלסט מיין
עלטערן ייִנגל |...| אויף דיינעם טיש האלטן, ביז ער
וועט זיך אויסבילדן, און דאס קען געדויערן <u>העכסטנס</u>
דריי יאר |...|". 471/1
<u>ליאן דאר 2, 114.</u>

... " עס איז פאראן א רעסטאראטאר, וואס איז קיין ארך=אפים
נישט און גיט קרעדיט <u>העכסטנס</u> אויף א חודש".
<u>פרץ, 7, 335.</u>

1919 " <u>העכסטנס</u> וועט ער זיך צו די גלות=יידן |...|

470 פארהאלטן אינדיפערענט |...|".

<u>זשיטלאווסקי, 9,91.</u>

1930 " די גאנצע סחורה איך געשעפט איז געווען ווערט

468 <u>העכסטנס</u> דריי דאלאר".

<u>איינהארן, 7, 245.</u>

1955 " <u>העכסטנס</u> קען מען אן אקטאר אנקלאגן צום ונתה=תוקף".

472 געלט אבער קען מען נישט אפקריגן צוריק".

<u>הארענדארף, 1.</u>

ה ע כ ע ר I - קאמפאראטיוו פון אדי/אדוו הויך, אלע באטייטן.

% שרייען העכער. העכערע בערג. העכערע אידעען.
העכערע דערגרייכונג. ער דרייט זיך אין דער העכערע
געזעלשאפט.

1823 " און פשיטא נאך העכרי פר גיניגענהייט בייא דיא
פר שטאנדיקע מענשין אז זייא ווערין גיוואהר איין 495
שכל זאך".
איליער, 1, 204.

... " וואס וואלט מיר געשאט, איך זאל זיכער זיין,
אז דער, וואס ווינט העכער איבער אלע שטערן |...|". 500
פרץ, 6, 408.

1903 " |...| באלד אבער פלעגט א צווייטע מער העכערע
אידעע אפשטעלן די ערשטע". 511
רייזען, 42, 101.

1936 " אים שטייט נישט אן, וואס דאס ברודערל |...|
504 איז א סך __העכער__ פון אים".
__זינגער, 6, 83.__

1947 " איך געדענק דעם ארקעסטער, ער האט דעמאלט געשפילט
537 __העכער__, ווי אלעמאל".
__סעגאלאוויטש, 11, 164.__

ℒ __העכערע בילדונג__ - בילדונג אין א הויכשול, אוניווערסיטעט.
1961 " די |פוילישע| מאכט האט |...| מיט אלע מיטלען געשטערט
565 דער יידישער יוגנט צו באקומען מיטעלע און העכערע בילדונג".
__נ. שטראכמאן, יזב 13, 158.__

__העכערע אלגעברע__ - __(מאטעמ)__ בנב |__סטוטש 54__|.

__העכערע מאטעמאטיק__ - __(מאטעמ)__ בנב |__סטוטש 246__|.

__העכערע אינסעקטן__ - __(זאאל)__ __בנב__ |__סטוטש 246__|.

(זיין) שטיין מיט א קאפ העכער (פון עמעצן) - זיין העכער אינטעלעקטועל.

וואַרפן העכער הייזער - וואַרפן הויך (ס׳רוב געניצט אין קללות).

העכר/ היכר. ם

1626 " איך רוף דיך גוט (בצור) אום וועגן דער שטאט צור (ירום) דיא זא איז העכר אונ׳ שטארקר ווערד איך (תנחנ) דארטן הין, אלשטו מיך פירן |...|". 503

ס׳ המגיד, 1, תהילים, סא - ג.

1744 " מן טערף (=דארף) דען (שמש) ניט איין וועק נעמן פון דיא (חנוכה) ליכט אונ׳ מן זאל אים היכר שטעקן אלש דיא אנדרי |...|". 505

קהלת שלמה, דף צג.

ה ע כ ע ר II - אדוו. מער ווי, מער פון.

% ער זאמט זיך שוין דארט העכער א שעה. זיי האבן אויסגעטרונקען העכער א האלבע פלאש בראנפן.

1895 " פון א פונט ראזשינקעס איז ביי איר תמיד אויסגעגאנגען העכער פינף עמער לויטער געזויגענע, ריינע וואסער". 350/1

לינעצקי, 9, 78.

... " ביז חוה איז געקומען אהיים |...| איז שוין העכער א האלבע שטאט געווען אויף יענער זייט בית=עולם". 530

שלום=עליכם, 7א, 202.

1927 " איך בין שוין אין אמעריקע העכער פון דרייסיק יאר".

לייוויק, 1, 115.

1967 " קיעוו האט זיך געהאלטן העכער צוויי חדשים |...|". 508

י. פאליקמאן, פער 131, נ׳ 8, ז׳ 63.

ה ע כ ע ר ו נ ג – די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון העכערן.

% די ארבעטער פאדערן א העכערונג פון די לוינען.

די העכערונג פון די פרייזן אויף לעבנס=מיטלען רופט
ארויס פראטעסט.

ה ע כ ע ר ו ו ע ר ט י ק - אדי. (כעמיע) בנב.

|סטוטש 218|.

ה ע כ ע ר ן - טרוו.

1. אויפהייבן העכערן (איך ראנג, מדרגה).

% אלע דריי יאר העכערט מען די באאמטע זייער קאטעגאריע.

2. צוגעבן, מאכן/געבן מער, פארגרעסערן.

% העכערן די לוינען. מ'האט שוין ווידער געהעכערט די פרייזן אויף גרינסן. מע שטרעבט צו העכערן די קוואליטעט פון דער פראדוקציע.

1903 " העכערט מען נאך א קאפיקע אויף דעם פונט פלייש און מען אכטע אפ אהער אין שטעטל דעם בארימטן האנדריוקער רק," 548
מענדעלע, "די אנטדעקונג פון וואהלין", ציט אויסג אלע ווערק, ווארשע 1911, ב"ט, ז' 5.

1932 " דאס באקומען הייסן טשוהון איז געבונדן מיט א געהעכערטן אפברען זיינעם". 548/1
פרומין, 1, 11 |?17|.

1961 " מר' בערמאן העכערט אויף א קארט".

557 שעליובסקי, 4, 78.

3. שטארקער מאכן (וועגן קול).

1964 " וווּנדערט זיך ניט, רבי, - האט ער קוים געהעכערט

555 זיין שטילע שולדשטימע, - וואס איך בין פלוצעם געווארן

אזא בעל=צדקה".

העפטערמאן, פער 155, II/9.

העכערן זיך - אוטוו.

1. ווערן העכער, ב' 2.

% די פרייזן העכערן זיך פון טאג צו טאג.

1896 "ווען די נאכפראגע אויף ארבעטער פארגרעסערט זיך

560 אדער דער אנבאט פארקלענערט זיך, העכערט זיך

די שכירות".

אנ, דיא שכירות, ז' 10.

2. (פיג) דערהייבן זיך, שטייגן.

% דער מענטש קאן זיך העכערן אין דער מדרגה, דערהייבן זיך

רוחניותדיק.

ה

ם הוהרן.

-----> 1.

... " רוים - צהוהרן דא, ל' לרוים".

556 רייכלין 8, דברים, יז - כ.

ה ע כ ע ר ק יי ט - <u>די, בא.</u> גרעסערער ווערט,

גרעסערער באטייט, חשיבות, איבערוואג איבער עפעס

אדער עמעצן.

% דער געלערנטער איז באשיידן, שטעלט זיך ניט ארויס מיט

זיין <u>העכערקייט</u> איבער זיינע מיטשמועסער.

1959 " אים, ניט קאלאדניקן, קומט די אנערקענונג פון

ארעסטאנטישער '<u>העכערקייט</u>'". 580

<u>לייוויק, 13, 162</u>.

1959 " האבן די בעלי=מוסר גערעדט צו אים וועגן דעם

חומר |...| און וועגן דער <u>העכערקייט</u> פון איש=הרוח". 583

<u>ח. גראדע, פער 68, 18/XII</u>.

ה ע ל I - <u>די, =ן.</u> (<u>עלט</u>) די וועלט פון די טויטע,
אונטער דער ערד, די אונטערערד, (די שאול תחתיה),
שפעטער אויך גענוצט אין באטייט: גיהנום.

1814 " איר פיס גייען אראפ צום טוט, אירי טריט דער
594 לאנגן דיא העל".

<u>איבן לעפין,=סאטאנאווער, משלי, ה - ה.</u>

1875 " פלעגט ארומפארן |...| אום צו שמארען דארט אין
טייערע טראקטירן און מען האט דארט געווירטשאפט
ווי דער טייוול אין דער <u>העל</u>".

<u>דיק, 77, 48.</u>

1901 " אנדזער בלינדהייט האט אונדז פארפירט אין אלע <u>העלן</u>".

<u>אלפס, 4, 49.</u>

1932 " פלעגיאס איז פארוואנדלט געווארן אין א דש און
606 אוועקגעשיקט געווארן אין דער <u>העל</u> אויפצוקוקן אויף זינדיקערס",

<u>איבן ש. שטערן, 1.</u>

ם **העל/היל.**

... " באבדון - אין דער הילא, כלומ׳ בגיהנום".

רייכלין 8, תהילים, פח - יב.

1544 " טוייביל איש דער הילן די׳ר זייא ווידר זייט //

609 דש דוא אי ווארשט גיבורן דא מוש דיר ווערדן לייט".

שמואל=בוך, סטר׳ 369.

1697 " דער רשע דער דא ניט גיהאלטן הוט דיא גיבאט //

588 זיינש הערן דעש אל מעכטיגן גאט // אונ׳ דרום מוז ער

אך אין דער העלן ליידן פיין".

ס׳ משלים, דף נ"ז.

ה ע ל II – אדי/אדוו.

1. (וועגן ליכט, שייך) אינטענסיוו, שטארק.

% דאס העלע ליכט. העלע פלאמען. א העל פינקלדיקער שטערן.

1893 " די ווייסע לבנה לייכט אזוי העל, 'מ'טאש געלט צו ציילן'". 592

ב. גארין, 1, 8.

1911 " |...| באדט זיך דער שפיץ בארג אין העלסטן, רייכסטן ליכט".

פרץ, 17, 397.

1923 " |...| איך האב מיך קוים מיט ברעג פון נאכט געזעגנט,// האט שוין מיין אויג מיט העלער שיין בארעגנט // דעם 616/1
ברייטן גלאנץ פון דיינע הויכע זיילן".

האפשטיין, 2א, 57.

1956 " דער אויפגאנג |פון דער זון| אויפגעפלאקערט

595 העלער האט ביים ראנד,// די וואלקנס אפגעגילדט, דעם

רוים פארנומען".

מארקיש, 11, 606.

2. שטארק באלויכטן, פול מיט שיין, ליכטיק.

% דער זאל איז העל באלויכטן. אין דרויסן איז שוין

העלער טאג.

1884 " די נאכט איז געווען א ליכטיקע, די לבנה האט

637 אומגעשפאצירט אויפן העלן הימל".

ראם, 1, 23.

1910 " שמות הייליקע |...|, אט צעשיטן זיי זיך פלוצלינג,//

640 אינעם אוויר אינעם העלן".

פרוג, 2, 123.

1920 " און דורך דעם העכסטן דעמב האט שטאלץ געקוקט

629 א טורעם // אין ווייטן בלאען רוים מיט פענצטער העלע צווי".

איינהארן, 5, 39.

1966 " וווּ א |...| באהעלטעניש - אויף צו אנטפלעקן,//

629/1 א טונקלקייט - ס'אזאל ווערן העל באַזונט".

האלקין, 4, 124.

3. (וועגן קאלירן, פארבן) ניט אינטענסיוו אין דעם

געגעבענעם קאליר, געמישט מיט ווייס.

% העלע טאפעטן. די ווענט זענען געפארבט אויף א העלן

קרעם. העל רויט.

1873 " |...| האט געשוועבט ארויף און אראפ, ווי א

639/1 באבעטשקע, העל בלוי, ווי דער פלאם פון אנגעצונדענעם

ספירט".

מענדעלע, 1, 107.

1908 " די <u>העלע</u> באפארבונג פארגרעסערט די ליכטיקייט

639/2 און ווירקט בעסער אויף אונדזער מוט און געזונט".

<u>גאטליעב, 2, 14</u>.

1935 " מיטן לומער פון די <u>העלע</u> גרינען // שלייפט זיך

639/3 דער אירטיש אן ווילדן געשטיין".

<u>סוצקעווער, 3, 17</u>.

1968 " איבערן <u>העל</u>געלן זאמד ליגן ווייכע שאטנס פון

679 סארגעס, ווי שטילע הירשן, און שלאפן".

<u>ב. דעמבלין, יזב 2, 665</u>.

4. (ספעציעל, וועגן האר) בלאנד.

% <u>העלע</u> ברעמען. <u>העלע</u> האר.

1922 " ער זעט אים אזוי בולט, דעם בלאסן און <u>העלן</u>

605 פראפעסאר |...|".

<u>זינגער, 1, 223.</u>

1931 " א <u>העלבערדיקער</u> פויער האט אויף אלע פיר צוגעפויזעט".

674 <u>קושניראוו, פער 164, 111.</u>

1948 " א געזעצטער מענטש א גאנץ יונגער אויפן אויסזען

674/1 מיט <u>העלע</u> דיקע וואנצעס".

<u>פאליקמאן, 2, 581 |?|.</u>

5. (וועגן א געהער=שפירונג). קלאר, קלינגענדיק, הויך.

% <u>העלע</u> טענער. א <u>העל</u> קול.

1875 " ער רייסט שרייענדיק זיך פשוט איין די קעל,//

632 א שירה צו גאט טרומייטערט ער זייער העל".

מענדעלע, 19, 54.

1930 " א ייד מיט א העלער שטימע |...|".

619 אש, 11, 279.

195.., "|...| דעם זיידנס יום=טוב=קידוש מיט די העלע

601 ניגונים".

גראס=צימערמאן, פער 54, |נ"?|, ז' 80.

6. (פיג, וועגן געפילן) דערהויבן, שיין.

1918 " |...| שטארק ביסטו,// דו גרויסער נאמענלאזער,

636 אומבאצווונגענער,// צו העלער אונטערגאנג".

יהואש, ליד "אויפן שטראם".

1929 "ס'שיינט ליכטיק לינד פון זעל אין העלן ווי |...|".

611 קולבאק, 4, 136.

1933 " |...| און ווען דעם חולהס אייטער האט זיין

611/1 שפייז באַרירט,// איז אויפגעגאנגען דער עקסטאַז אין

אים אלץ העלער".

ליעסין, 2, 102.

|| העלבלעך - אדי/אדוו. א ביסל העל(ספעציעל אין ב"3).

א העלבלעך ראָזע בלוזע.

העלקייט - די, בא. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין

העל (אלע ב"ב)

% די העלקייט האט אַזש פארבלענד. דעם מאלערס קאלירן

צייכענען זיך אויס מיט זייער העלקייט.

1955 " איך גיס צוגויף דיך מיטן שניי// אין העלקייט

פון דיין צייכן |...|". 644/1

לייוויק, 11, 58.

[7] העלער בליק – פריילעכער, פרייער, אפענער.

1894 " פון בית=מדרש גייט י ארויס |...| מיט א העלערן,

פרייערן בליק".

פרץ, 17, 166.

העלער שמייכל – דזוו דפוו.

|1898?| " אין גאנג דאכט זיך איר, אז זי פילט, ווי זיין

העלער לוסטיקער שמייכל גליטשט זיך איר הינטן אויפן

בלויזן האלדז".

פרץ, 17, 285.

<u>אין מיטן העלן טאג</u> - פלוצעם, אומדערווארט, אפן פאר אלעמען.

1927 " ווען <u>אין מיטן העלן טאג</u> פאלט אן אויף מיר א
645/1 גראבער יונג,// זאל אויף זיין מארדע גלייך מיין
פויסט א הילך טאן".
<u>מ.ל. האלפערן, 2, 39.</u>

1967 " דערנאך האט ער זיך א נגעטאן א כוח און איז
645/2 ארויס צו אים <u>אין מיטן העלן טאג</u> מיט א טעפל האבערע גרויפן".
<u>קארפינאוויטש, 1.</u>

<u>(ווי) פון דער העלער הויט</u> - פלוצעם, אומגעריכט.

|1906 - 1909| " און דער יונגער פריץ קומט אלץ יעדן
טאג, און איין מאל גיט ער <u>פון דער העלער הויט</u> א זאג:
משה, פארקויף מיר דיין טאכטער!".
<u>פרץ, 17, 369.</u>

1966 " ווי פון דער העלער הויט ארויסגעשפרונגען, האט
615 דאנדאלע אנגעכאפט פאר דער האנט דעם אייבערמייסטער".
שניאור, פער 69, ז/23.

ריידן פון דער העלער הויט – רעדן סתם אין דער וועלט
אריין, אן באגרינדונג, אויסגעטראכט.

שור:

וואס שפעטער די זון גייט אויף, איז דער טאג אלץ העלער.

העל.ם מה"ד:

.1 <-----

1743 " אביר דער שטערן (צדק אונ' נוגה) וויא זיא
לייכטיג אונ' העל שיינן אונ' גלאנץ פון זיך געבן".
יוסיפון, 4, דף כ"ה.

.2 <----

1544 " דער היידן העלים לוייכטט אז דער העלי טאג.

שמואל=בוך, סטר׳ 1048.

.5 <----

1544 " זיא |חנה| רופט מיט העלר שטימן גוט דען וויל איך

586 לובן.// דוא ריכשט אויף דער ערדן קיין קוויניגרייך

ביין קוויניגרייך אישט אובן".

שמואל=בוך, סטר׳ 36.

1610 " אונ׳ ער שטונד אויף אונ׳ער בענשט ישראל מיט

587 העלר שטים |...|".

טייטש=חומש, מלכים א׳, ח - נה (הפטורה).

ה ע ל ד ז ל - דאס, =ער. 1. פקפ פון האלדז, אלע ב"ב.

% דאס קינד האט א דיך העלדזל. פעט ווי א העלדזל

פון טשאלנט.

1904 " |...| שמואל=אבא דער שוחט |...| איז א יונגערמאן

|...| א היינטוועלטיקער שויך, |...| האט א פיין העלדזל, 713

קען שיין זינגען |...|". שלום=עליכם, 4ד, דערצ' אן עצה".

2. (ספעצ, אנאט) שמאלער פאדערשטייל פון דער געבער=מוטער

ביי פרויען.

1908 " דאס העלדזל, וואס גייט אריין אין עמפאנג=קאנאל,

ענדיקט זיך מיט א שפאלט |...|". איבז, אנ, עצות פאר דעם 793

פרויען=לעבען, ז' 30.

1958 " עס איז פאראן א ין מין קראנקייט |...| דאס איז

קענסער פון 'העלדזל' פון דער געבער=מוטער". 792

ע. פאט, פער 68, X/25.

3. (אנאט) שמאלער טייל פון צאן צווישן דער קרוין און ווארצל.

4. (פיג) שמאלער אייבערשטער טייל פון א פלאַש, א קריגל.

5. (שגל) דאס שמאלסטע ארט אין קאוונער געטא, ביים (?נ?)
בית=עולם" |בלומענטאל, פער 90, ז׳ XXII - 1|.

ה ע ל ד ז ע ר – די, מצ פון האלדז, אלע ב"ב.

ה־

ה ע נ ד ל — דאס, =עך פּקפּ פון האן.

1889 " דאס איז געווען א האן, א טייער הענדל, // אויף

4583 א מפלה א מציאה א האלבן רענדל". י.ל. גארדאן, 1, 55.

ה–

132

ה ע נ ט ו ר ע ס – די, =ס. (ביטול/פעיא) הענט

(איך באטייט ארבעטער).

1928 " מיסטער גולד זאגט: הענטורעס – גיט ארבעט!".

1986 לייוויק, 3, 47.

ה ע פ ט נ א ד ל - די, =ען. ספעציעלע נאדל צום האפטן (אויסנייען).

ה ע פ ט ע ר י ן – די, =ס. די וואס האפט (נייט אויס, שטיקט).

ה ע צ ק ע - ----→ <u>האצקע</u>.

(?ב?) ה ? ר נ ע ר ן – טרוו. (שנש?) דורכשטעכן מיט די הערנער,

9319/1 נעמען אויף די הערנער.

רעד: געבן דאס ווארט? חוץ דעם ווארט איז אויפן קארטל מער גארנישטא, אפילו קיין רמז אויף קיין אויסטייטש. איז ערגעץ דערמאנט דאס ווארט? מיין טייטש איז נישט מער ווי א סברה.

(?נ?) ם
ה ע ר צ י – <u>אדי</u>. הארציק.

|סוף XV!! י"ה| " אלזו מיין <u>הערטצי</u> ליבה קינדר איז
9830 צו זעהין דאז איך אליש וואול איבר טראכט".
<u>גליקל האמל, ז׳ 278</u>.

1774 " |...| לאזין מיין שולדיגי פפליכטן אב צו שטאטן אום
9830/1 מייני <u>הערצי</u> ליבה עלטרן מיין גוטן צו שטאנד אונ׳ גוטי [illegible]
גיזונדהייט צו בריכטן".
<u>חנוך לנער, דף ו׳</u>.

ה ע ר צ ל - דאס, =עך. 1. פּקפּ פון הארץ.

2. דזוו הארץ, ב׳ 9.